United States
Census
2010

פּאַראײניקטע שטאַטן
צענזוס 2010

אין אונדזערע הענט ליגט עס

# 10 פראַגעס מינוטן

## כדי צו באַשטימען ווער מיר זיינען אַלס אַ פאָלק

### דער צענזוס: אַ פאָטאָגראַפיע

**וואָס:** דער צענזוס ציילט יעדן איינעם וואָס וווינט אין די פּאַראײניקטע שטאַטן.

**ווער:** אַלע איינוווינער פון די פּאַראײניקטע שטאַטן מוזן געציילט ווערן – סיי בירגער ווי ניט בירגער.

**ווען:** איר וועט באַקומען אייער פראַגעבויגן מערץ 2010, מיט דער פּאָסט אָדער אין דער האַנט. עס זיינען דאָ מענטשן וואָס וווינען אין זייער ווייטע געביט און וועלן פערזענלעך געציילט ווערן.

**פאַר וואָס:** די קאָנסטיטוציע פון די פּאַראײניקטע שטאַטן פאַרלאַנגט עס זאָל יעדע 10 יאָר דורכגעפירט ווערן אַ צענזוס כדי איבערצוציילן די באַפעלקערונג און באַשטימען וויפל בענק יעדער שטאַט וועט האָבן אין רעפּרעזענטאַנטן הויז פון די פּאַראײניקטע שטאַטן.

**ווי אַזוי:** יעדער הויזגעזינד דאַרף אויספילן און צוריקשיקן מיט דער פּאָסט זיינע פראַגעבויגנס אַבי מען וועט זיי נאָר באַקומען. די הויזגעזינדן וואָס וועלן ניט ענטפערן מעגן באַקומען אַ פאַרבייט פראַגעבויגן אָנהויב אַפּריל. צענזוס איבערציילערס וועלן באַזוכן די הויזגעזינדן וואָס וועלן ניט צוריקשיקן די פראַגעבויגנס כדי פערזענלעך דורכצופירן די ציילונג.

### אַלע איבערציילן: פאַר וואָס די דאַטן פון צענזוס זיינען וויכטיק

יעדעס יאָר טיילט צו די פעדעראַלע רעגירונג איבער $400 ביליאָן די שטאַטן און קהילות אויף דער באַזע - טיילווייז - פון די דאַטן פון צענזוס.

די דאַטן פון צענזוס ווערן באַנוצט כדי צו באַשטימען ווו מען וועט אַוועקשטעלן קראַנקען, שולעס, שפּיטאָלן, נייע וווינונגען און אַנדערע אינסטאַלאַציעס פאַר דער קהילה.

די דאַטן פון צענזוס באַשטימען די גרענעצן פאַר די דערוויילונג און און לעגיסלאַטיווע געביטן, סיי פון שטאַט ווי פון דער שטאָט.

### פראַגעבויגן פון צענזוס פון 2010: לייכט, וויכטיק און זיכער

דער פראַגעבויגן פון צענזוס פון 2010 האָט נאָר 10 פראַגן און עס נעמען בערך 10 מינוטן אים אויסצופילן. מען בעט די הויזגעזינדן זיי זאָלן צושטעלן וויכטיק דעמאָגראַפישע אינפאָרמאַציע, איינשליסלעך: צי די וווינונג איז אַן אייגענע אָדער אַ געדינגטע; דער אַדרעס פון דער וווינונג; און די נעמען, געשלעכט, עלטער און ראַסע פון אַנדערע וואָס וווינען אין הויזגעזינד.

לויט דעם געזעץ, טאָר ניט דער ביוראָ פון צענזוס קיינעם איבערגעבן עמיצנס ענטפערס, איינשליסלעך אַנדערע פעדעראַלע אַגענטורן און דער פּאָליציי אד״ג.

### געשיכטע פון צענזוס

דער ערשטער צענזוס איז פאָרגעקומען אין 1790 כדי צו באַשטימען וויפל פּלעצער יעדער שטאַט וועט באַקומען אין רעפּרעזענטאַנטן הויז פון די פּאַראײניקטע שטאַטן. דער צענזוס איז אויך געשאַפן געוואָרן כדי בעסער צו פאַרשטיין ווו מענשטן וווינען און כדי צו באַשטימען ווי אַזוי זיי צו באַזעצן ווען דאָס לאַנד איז געוואַקסן.

### וועגן דעם צענזוס ביוראָ

דער צענזוס ביוראָ איז געשאַפן געוואָרן אין 1902. היינט, אַ חוץ דעם דורכפירן דעם צענזוס פון באַפעלקערונג און וווינונגען, פירט דער צענזוס ביוראָ דורך איבער 200 פאָרשונגען אַ יאָר, איינגעשלאָסן דעם American Community Survey (אַמעריקאַן קאָמיוניטי סערוויי - פאָרשונג פון די קהילות פון אַמעריקע), דעם Current Population Survey (קערענט פּאָפּיולײשן סערוויי - פאָרשונג פון דער איצטיקער באַפעלקערונג) און עקאָנאָמישע צענזוסן יעדע פינף יאָר.

מיר גייען ווייטער ווען איר שיקט עס צוריק.



# אָפטע פראַגעס

## 1. פ. ווער דארף אויספילן דעם פראַגעבויגן פון צענזוס?

**ע.** דער מענטש אויף וועמענס נאָמען עס איז די ווינונג, אָדער אין וועמענס נאָמען זי איז געדינגען, דאַרף אויספילן דעם פראַגעבויגן אין נאָמען פון אַלע וואָס ווינען אין דער ווינונג, איינגעשלאָסן קרובים און ניט קיין קרובים.

## 2. פ. מיט וואָס וועט דער צענזוס פון 2010 זיין אַנדערש פון פריערדיקע צענזוס?

**ע.** אין 2010 וועט יעדער ווינונג באַקומען אַ קורצן פראַגעבויגן פון נאָר 10 פראַגעס. די מער פּרטימדיקע סאָציאָעקאָנאָמישע אינפאָרמאַציע וואָס מען פלעג אַמאָל באַקומען דורך דעם צענזוס יעדע 10 יאָר וועט מען פרעגן נאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג דורך דעם יערליכן American Community Survey. כדי מער צו וויסן וועגן דעם American Community Survey, באזוכט www.census.gov.

## 3. פ. ווי אזוי באַנוצט מען די אינפאָרמאַציע פון צענזוס?

**ע.** די אינפאָרמאַציע פון צענזוס באַשטימט וויפל פּלעצער יעדער שטאַט וועט האָבן אין רעפּרעזענטאַנטן הויז פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אינפאָרמאַציע פון צענזוס קען אויך העלפן באַשטימען ווי אַזוי מען טיילט צו פאָנדן פון דער פעדעראַלער רעגירונג פאַר קהלישע דינסטן, ווי צ״ב פּראָגראַמען פאַר מיטאָג מאָלצייטן אין שולעס און צענטערס פאַר עלטערע מענטשן, און אויך ניי בויען ווי וועגן און שפּיטאָלן.

## 4. פ. וואָס פאַר אַ הילף איז דאָ כּדי צו העלפן מענטשן אויספילן דעם פראַגעבויגן?

**ע.** עס זיינען פאַראַן שפּראַך הילף אָנווייזונגען פאַר דעם צענזוס פון 2010 אין פאַרשידענע שפּראַכן. די Questionnaire Assistance Centers (צענטערס פאַר הילף מיט דעם פראַגעבויגן) וועלן אויך אַרויסהעלפן די וואָס קענען ניט לייענען אָדער פאַרשטיין דעם פראַגעבויגן. פאַר וועמען עס איז שווער צו זען זיינען פאַראַן פראַגעבויגנס מיט גרויסע אותיות, און אַ TDD (טעלעטעקסט פאַר טויבע) פּראָגראַם וועט העלפן די וועמען עס איז שווער צו הערן. פרעגט זיך אָן אין אייער Regional Census Center (רעגיאָנעלן צענזוס צענטער) מער פּרטים וועגן וועלכע קלאַסן הילף עס זיינען דאָ, און ווו זיינען די QAC (צענטערס פאר הילף מיט דעם פראַגעבויגן).

## 5. פ. ווי אַזוי ציילט דער צענזוס ביוראָ מענטשן אָן אַ פּערמאַנענטער ווינונג?

**ע.** די אַרבעטער פון צענזוס ביוראָ באַמיען זיך זייער כדי פּערזענלעך איבערצוציילן מענטשן וואָס ווינען אין גרופּאַלע ווינונגען, ווי צ״ב רעזידענצן אין אוניווערסיטעטן, מיליטערישע קאַזאַרמעס, היימען פאַר עלטערע מענטשן און נאַכטלעגערס, און אויך די וועלכע זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך נאַטירלעכע אומגליקן.

**כדי מער זיך צו דערוויסן וועגן דעם צענזוס פון 2010, באַזוכט 2010census.gov**

פאַראייניקטע שטאַטן צענזוס 2010

אין אונדזערע הענט ליגט עס

# וויכטיקע דאַטעס צענזוס פון 2010

### *פעברואַר - מערץ 2010*

די פראַגעבויגנס פון צענזוס ווערן געשיקט מיט דער פּאָשט אָדער פּערזענלעך איבערגעגעבן אין די הויזגעזינדן.

### *מערץ - אַפּריל 2010*

דער פּראָגראַם Be Counted (בי קאַונטעד - ווער געציילט) ווערט אויסגעפירט. אין באַשטימטע עפנטלעכע פּלעצער קענען באַקומען אַ פראַגעבויבן די וואָס האָבן אים ניט באַקומען מיט דער פּאָשט.

### *1טן אַפּריל 2010*

צענזוס טאָג

### *מאַי - יולי 2010*

צענזוס איבערציילערס באַזוכן די הויזגעזינדן וואָס האָבן ניט צוריקשיקט די פראַגעבויגנס.

### *31טן דעצעמבער 2010*

לויט דעם געזעץ, מעלדעט דעם פּרעזידענט דער צענזוס ביוראָ די באַפעלקערונגס איבערציילונג.

### *מערץ 2011*

לויט דעם געזעץ, פאַרענדיקט דער צענזוס ביוראָ דאָס איבערגעבן די שטאַטן די אינפאָרמאַציע אויף ווידער צו באַשטימען דערוויילונג געביטן.